**RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON**
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn, N. Y. 11213
493-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש
770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

FREE TRANSLATION

By the Grace of G-d
Pesach Sheni, 5744
Brooklyn, N. Y.

To All Participants in the
Annual Dinner of Oholei Torah

G-d bless you all!

Greeting and Blessing:

I was pleased to be informed of the forthcoming Dinner taking place on the 3rd day of Sivan, within the Three Days of Preparation for Kabolas HaTorah.

As is well known, the days of Sefira connect the Festival of Yetzias Mitzraim, the anniversary of our liberation from physical slavery, with the Festival of Mattan Torah, when Jews, both as individuals and as members of the "Kingdom of Kohanim (G-d's servants) and holy nation," attained true freedom. Each of these forty-nine days, seven weeks, marked a further stage in the preparation for Kabolas HaTorah, which involved both rectifying past failings, as well as steady improvement and advancement on the way to receiving the Torah with all its Mitzvoth.

This is also one of the lessons of Pesach Sheni, by which HaShem has made it possible for anyone who was unable to bring the Korban Pesach in its proper time, by reason of being away on a long journey, etc., to have a second chance to offer it a month later. Although the law of Pesach Sheni applied only when the Beis Hamikdash was in existence, the institution of Pesach Sheni also has an eternal message for here and now. It reminds us that "It is never too late to rectify a past failing." Thus, figuratively speaking, when a Jew realizes that he has been "a long distance away" from some aspects of Yiddishkeit, all he has to do is to make a firm resolve to turn back, and then he is assured also of help from On High, if that be necessary, to carry out his resolve fully, wholeheartedly and with joy.

As has often been emphasized before, Pesach Sheni also reminds us that even when a person knows for sure that nothing has been left undone yesterday, yet, upon deeper reflection, a person would feel that having grown older by a day, acquired more knowledge and wisdom, yesterday's level of accomplishment, by comparison to today's, was deficient after all.

Needless to say, the above applies in all aspects of Yiddishkeit, both one's personal advancement in Yiddishkeit, Torah and Mitzvoth, as well as helping spread and strengthen Yiddishkeit in the community, particularly through the support of Torah Chinuch institutions, among which Oholei Torah is certainly one of the most outstanding.

In the spirit of the days of Sefira, and especially in the spirit of Pesach Sheni, I trust all participants and friends of this worthy institution will take advantage of the occasion of the Annual Dinner, to respond even more generously than in the past, and help it carry on its vital Chinuch activities.

In addition to this being a "must" for its own sake, it will also widen the channels to receive G-d's blessings in a most generous measure, both materially and spiritually.

With esteem and blessing for Hatzlocho and good tidings,

/Signed: Menachem Schneerson/

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn. N. Y. 11213
493-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש
770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

ב"ה, פסח שני, ה'תשד"מ
ברוקלין, נ.י.

צו אלע אנטיילנעמער אין דעם יערלעכן
דינער פון דעם מוסד חינוך "אהלי תורה"
ה' עליהם יחיו

שלום וברכה:

עס האט מיר געפרייט צו באקומען די ידיעה, אז (אויך) הייאר וועט די יערלעכע מסיבה פארקומען אין דעם ערשטן טאג פון שלשת ימי הגבלה, דער סיום און הויכפונקט פון די ספירה-טעג און צוגרייטונג צו קבלת התורה.

ווי באוואוסט, פארבינדט די ספירה דעם יום-טוב פון יציאת מצרים, די באפרייאונג מעבדות להירות, מיט דעם יום-טוב פון מתן-תורה, ווען אידן, אלס יחידים און אלס א טייל פון "ממלכת כהנים וגוי קדוש", האבן די אמת'ע און פולשטענדיגע חירות. יעדער איינער פון די 49 טעג, זיבן וואכן, פון ספירה באצייכנט א העכערע מדריגה אין די הכנות צו קבלת התורה, וואס דאס מיינטביידע זאכן: פאריכטן דעם עבר און דערהייבן זיך, פון טאג צו טאג, ביז צו דער העכסטער מדרגה פון קבלת התורה מיט אלע אירע מצוות.

דאס איז אויך איינע פון די הוראות פון פסח-שני. דער ענין פון פסח-שני, אין איינפאכן זין, איז אז דער אויבערשטער האט געגעבן יעדן איינעם וואס האט ניט געקענט ברענגען דעם קרבן פסח אין דער ריכטיגער צייט (י"ד ניסן) צוליב א טיבה, זייענדיג אין א "ווייטן וועג" אד"ג, א צווייטע מעגלעכקייט צו ברענגען דעם קרבן פסח א חודש שפעטער.

כאטש דער ענין פון פסח שני, בפשטות, איז שייך נאר אין דער צייט פון בית-המקדש, איז אבער אין דעם פאראן אויך אינערלעכע, נצחיות'-דיגע הוראה פאר אלע צייטן און ערטער, אויך דא-הי און היינט: פסח-שני דערמאנט אונז, אז עס איז ניטא קיין "פארפאלען"; מ'קען אלעמאל פאריכטן. דאס מיינט, אז ווען א איד כאפט זיך, אז ער איז אין א "ווייטן וועג" אין געוויסע ענינים פון אידישקייט, דארף ער נאר מאכן א פעסטע החלטה אומצוקערן זיך צוריק צו זיין שורש, און דאן איז ער א מובטח (פארזיכערט) אז ער וועט מיט דעם אויבערשטנ'ס הילף - אויב ער וועט מוזן אנקומען צו דעם - מצליח זיין דורכצופירן זיין החלטה אין דער פולסטער מאס, מיטן גאנצן הארצן און מיט שמחה.

ווי ס'איז מערערע מאל אונטערשטראכן געווארן, דערמאנט אונז פסח-שני אויך, אז אפילו ווען מ'וויס זיכער, אז מ'האט גארניט פארפעלט נעכטן, איז אבער אריינטראכטנדיג אז היינט איז מען מיט א טאג עלטער, מיט מער וויסן און קליגער, איז לויט דער היינטיגער מדריגה וואלט מען נעכטן געקענט אויפטאן מער, במילא דארף מען דאס אויך דערגענצן.

פארשטייט זיך, אז די אויבנדערמאנטע הוראה איז שייך אין אלע ענינים פון אידישקייט, תורה און מצוות, סיי בנוגע צו זיך אליין, סיי בנוגע פארשפרייטן און פארשטארקן אידישקייט ארום זיך, בפרט דורך שטיצן מוסדות פון חינוך על טהרת הקודש, וואס "אהלי תורה" איז איינער פון די וויכטיגסטע צווישן זיי.

דעריבער האף איך און וויל זיין זיכער, אז אין גייסט פון די ספירה-טעג און ספעציעל אין גייסט פון פסח-שני, וועלן אלע באטייליגטע און פריינד פון דעם וויכטיגען מוסד אויסנוצן די געלעגנהייט פון דעם יערלעכן דינער און אפרופן זיך מיט וואַרעמקייט און ברייטהארציקייט, נאך מער ווי ביז איצט, צו העלפן דעם מוסד אין זיין לעבנסוויכטיגער ארבעט.

און בזכות זה, אין צוגאב צום עיקר, וועט מען אויך אויסברייטערן די צנורות צו באקומען דעם אויבערשטנ'ס ברכות אין א פארגרעסערטער מאס בגשמיות וברוחניות גם יחד.

בכבוד ובברכת הצלחה
ולבשורות טובות